# צייכנס פון דיין פּנים

כ׳לעב אויף די צייכנס פון דיין פּנים.
די גרויע אָרימקייט פון אונזער גאַס אַפילו
האָט אָראָפּגעלויכטן פון דיר ווי אַ תּפילה.
ווער האָט די תּפילה דיינע דען פאַרנומען?

איצט לעבן נאָר די אותיות פון דיין נאָמען.
די יידישע פאַרוואָגלטקייט, וואָס מיד און שווער,
פלעגט לאָזן פאַלן אויף דיר אַ שטילע טרער —
אַ רמז אויף דעם וואָס האָט געדאַרפט קומען.

און ס׳איז געקומען. אַצינד איז אַלץ שוין קלאָר.
ווי ס׳איז דאָס גראָז אויפן שטילן פעלד,
ווי ס׳איז די פינסטערניש אויף יעדן שפּאַן.
שטיי איך מיטן פּנים צו דער וועלט
פון ליכטיקייט, וואָס איז אין אַש פאַראַן.